אַנדערע; אַ טייל פון זיי האָבן זיי געשלאָגן, און אַ
6 טייל—געהרגעט. נאָך איינעם האָט ער געהאַט,
אַ געליבטן זון; אים האָט ער געשיקט צו לעצט צו
זיי, אַזוי צו זאָגן: זיי וועלן זיך שעמען פאַר מיין
7 זון! יענע גערטנער אָבער האָבן צווישן זיך
געזאָגט: דאָס איז דער יורש; קומט, לאָמיר אים
8 טייטן, און די ירושה וועט זיין אונזער! און זיי
האָבן גענומען, און אים געטייט, און האָבן אים
9 אַרויסגעוואָרפן פון וויינגאָרטן. נו, וואָס וועט דער
האַר פון דעם וויינגאָרטן טון? ער וועט קומען און
אומברענגען די גערטנער, און דעם וויינגאָרטן
10 וועט ער געבן צו אַנדערע. צי האָט איר דען נישט
געלייענט דעם דאָזיקן פסוק:

דער שטיין, וועלכן די בוימייסטערס האָבן
פאַרוואָרפן,
דער איז געוואָרן צום הויפּט פונם ווינקל;
11 פונם האַר (ג־ט) איז דאָס געשען,
און עס איז אַ וואונדער אין אונזערע אויגן?

(תהלים קיח, כב, כג.)

12 און זיי האָבן געזוכט אים צו כאַפּן; און האָבן מורא
געהאַט פאַר דעם המון מענטשן; וואָרום מען
האָט געוואוסט, אַז ער האָט געזאָגט דאָס משל אויף
זיי; און זיי האָבן אים פאַרלאָזט, און זענען אַוועק־
געגאַנגען.
13 און זיי שיקן צו אים אייניקע פון די פרושים
און פון הורדוס לייט, כדי זיי זאָלן אים פאַנגען
14 מיט אַ וואָרט. און ווען זיי זענען געקומען, זאָגן
זיי צו אים: רבי, מיר ווייסן, אַז דו ביסט וואָר־
האַפטיק, און פרעגסט נישט אויף קיינעם; וואָרום
דו קוקסט נישט אויפן פנים פון מענטשן, נאָר אויף
אַן אמת לערנסטו דעם וועג פון ג־ט. צי מעג מען